בס"ד
דברים תשפ"ג
גליון 150

# דעם רבינ'ס ליכט

אַײַערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### מֶען בֶּענְקְט אַהֵיים

דער שַׁבָּת רוּפְט זִיךְ "שַׁבָּת חֲזוֹן" וַוייל דֶער אָנְהֵייבּ פוּן דִי הַפְטוֹרָה הֵייבְּט זִיךְ אָן "חֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ". רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אִין עֶטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער אַז דִי שַׁבָּתִים פוּן דִי דְרַיי וָואכְן זֶענֶען גָאר הוֹיכֶע שַׁבָּתִים, ווייל שַׁבָּת וַוייזְט אוֹיךְ אוֹיפְן צַדִּיק הָאֱמֶת וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן שַׁבָּת, עֶר קֶען גֶעבְּן אַ תִּיקוּן אוֹיף גָאר גְרוֹיסֶע עֲבֵרוֹת. אַזוֹי וִוי חז"ל זָאגְן: "כָּל הַשּׁוֹמֵר שַׁבָּת כְּהִלְכָתוֹ אֲפִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה, מוֹחֲלִין לוֹ כָּל עֲווֹנוֹתָיו – וֶוער עֶס הִיט דֶעם שַׁבָּת וִוי דִי הֲלָכָה אִיז, אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אַלֶע זַיינֶע זִינְד". אַזוֹי אוֹיךְ וֶוער עֶס גְלֵייבְּט אִינֶעם צַדִּיק אוּן רוּפְט זִיךְ אוֹיף זַיין נָאמֶען הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ תִּקְוָה, אוֹיבּ מֶען הָאלְט זִיךְ אִין צַדִּיק אוּן זַיינֶע עֵצוֹת אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען אִיז גָאר טִיף אַרָאפְּגֶעפַאלְן וֶועט דֶער צַדִּיק אִים צוּם סוֹף פַארֶערְכְטְן.

אוֹיף דֶעם קְלָאגְן מִיר אוּן מִיר וַויינֶען אִין דִי טֶעג, בִּפְרָט אִין תִּשְׁעָה בְּאָב זִיצְן מִיר אַלֶע אוֹיף דֶער עֶרְד, מֶען לֶערְנְט נִישְׁט מ'לֵייגְט נִישְׁט קַיין טַלִּית וּתְפִילִין צוּ וַוייזְן אַז אָן דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן אָן




דִי צַדִּיקֵי הָאֱמֶת וָועלְכֶע זֶענֶען נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים הָאבְּן מִיר נִישְׁט קַיין שׁוּם חִיוּת.

מִיט דִי בְּכִיָּה אַז מֶען וַויינְט אוּן מֶען זוֹכְט דֶעם צַדִּיק בַּאווייזְט עֶר זִיךְ. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי בֶּעטְלֶערְס אַז דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָועלְכֶע זֶענֶען פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אִין וַואלְד אוּן גֶעזוּכְט אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט, וֶוען עֶס אִיז זֵיי אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען דָאס בְּרוֹיט, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּענְקֶען נָאכְן בֶּעטְלֶער וָואס הָאט זֵיי שׁוֹין אַמָאל גֶעבְּרֶענְגְט אִין וַואלְד צוּ עֶסְן, גְלַייךְ וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּענְקְט, אָט אִיז עֶר דָא! עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין אַ בֶּעטְלֶער. אַז מִיר וֶועלְן בֶּענְקֶען אוּן טוּן דִי שֵׁיינֶע עֵצוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועט עֶר זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אוּנְז אוּן אוּנְז לִיכְטִיג מַאכְן.

רֶבִּי נָתָן אִין הִלְכוֹת עֶרֶב שְׁרַייבְּט אַז אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן אוֹיף וָואס מֶען קְלָאגְט אִין דִי טֶעג אִיז, אַז מִיר קֶענֶען נִישְׁט הָאבְּן רָצוֹן בִּשְׁלֵמוּת. רָצוֹן מֵיינְט, וֶועלְן טוּן נָאר דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטֶער'ס ווילְן! אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעוֶוען אַזַא לִיכְט פוּן רָצוֹן, דָארְט הָאט גֶעשַׁיינְט אַזַא קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, אַז יֶעדֶער אִיד וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאט נָאר גֶעוָואלְט אֵיין זַאךְ, טוּן דֶער רָצוֹן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן!

הַיינְט וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט דֶער רָצוֹן בִּשְׁלֵמוּת דַארְף מֶען וַויינֶען אוּן בֶּענְקֶען, דֶער עִיקָר אִיז וַויינֶען אוֹיף אוּנְזֶערֶע נִישְׁט רִיכְטִיגֶע מַעֲשִׂים וָואס

המשך קומענדיגע זייט

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

הָאבְּן גוֹרֵם גֶעוֶועְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, ווייל חז״ל זָאגְן: כָּל מִי שֶׁלֹּא נִבְנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו – אוֹיבּ דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז נִישְׁט גֶעבּוֹיט אִין אוּנְזֶערֶע טֶעג, וֶוערְט עֶס פַארְרֶעכְנְט אַזוֹי וִוי עֶס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן אִין אוּנְזֶערֶע טֶעג.

מִיר ווֵיינֶען אַזוֹי וִוי אַ קִינְד וָואס אִיז פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אוּן ווֵיינְט אוּן בֶּענְקְט צוּ זֶען זַיין טַאטֶע מַאמֶע, וָואס דָאס אִיז גוֹרֵם גָאר אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקְשַׁאפְט אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן. אַזוֹי אוֹיךְ וֶועט דָאס הַיינְט גוֹרֵם זַיין אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל זִיךְ שׁוֹין מְרַחֵם זַיין אוֹיף אוּנְז זַיינֶע קִינְדֶער אוּן עֶר וֶועט אוּנְז בְּקָרוֹב צוּרִיק בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, אַזוֹי חז״ל זָאגְן: כָּל הַמִּתְאַבֵּל עַל יְרוּשָׁלַיִם – וֶוער עֶס טְרוֹיעֶרְט אוֹיף יְרוּשָׁלַיִם, זוֹכֶה וְרוֹאֶה בְּשִׂמְחָתָהּ – וֶועט זוֹכֶה זַיין אִיר צוּ זֶען אִין אִיר פְרֵייד.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן אִין שִׁבְחֵי
הָאֲרִ״י - אַז דֶער אֲרִ״י זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה
הָאט גֶעמַאכְט פַאר צֶען פוּן דִי חַבְרַיָא עֶפֶּעס אַ
בַּאזוּנְדֶערֶער הוֹיז, אוּן דִי פְרוֹיעֶן זֶענֶען גֶעוֶועְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ
בַּאזוּנְדֶער אוּן דִי קִינְדֶער אוּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁטוּבּ. דִי מֶענֶער זֶענֶען
גֶעוֶועְן צוּזַאמֶען מִיטְן אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ אַ גַאנְצֶע וָואךְ אוּן פְרַייטָאג צוּ
נַאכְט׳ס זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען אַהֵיים.

וֶוען עֶס אִיז אַרִיבֶּער פִינְף חֳדָשִׁים הָאבְּן זִיךְ דִי ווַייבֶּער גֶעקְרִיגְט אֵיינֶע מִיט דִי אַנְדֶערֶע, זֶענֶען דִי מֶענֶער גֶעקוּמֶען אַהֵיים פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס הָאבְּן דִי ווַייבֶּער דֶערְצֵיילְט דִי מֶענֶער, הָאט זִיךְ דִי מַחְלוֹקֶה אוֹיךְ צֶעשְׁפְּרֵייט צְווִישְׁן דִי מֶענֶער. **אוּן וִוי בַּאקַאנְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ״י ז״ל שְׁטֶענְדִיג גֶעוָוארְנְט דִי חֲבֵרִים אַז מֶען זָאל זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען בְּרוּדֶערְלִיךְ מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם**, אוּן ווַיבַּאלְד יֶענֶעם טָאג הָאט מֶען אוֹיף דֶעם עוֹבֵר גֶעוֶועְן הָאט ר׳ חַיִּים וִויטַאל גֶעזֶען פַאר קַבָּלַת שַׁבָּת וִוי דֶער אֲרִ״י קוּמְט אַרַיין אוֹיפְגֶעבְּרוּזְט אוּן דוּרְכְאוֹיס דֶעם דַאוֶוענֶען אִיז עֶר גֶעזֶעצְן אַיינְגֶעהִילְט אִין טְרוֹיעֶר, אַזַאנְס וָואס ר׳ חַיִּים וִויטַאל הָאט קַיינְמָאל בֶּעפָאר נִישְׁט גֶעזֶען.

וֶוען דֶער עוֹלָם הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶוענֶען אִיז ר׳ חַיִּים וִויטַאל צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט: ״רַבִּי, פַארְוָואס זֶענְט אִיר גֶעוֶועְן אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג בַּיים דַאוֶוענֶען?״ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ״י ז״ל גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן דֶער ס״מ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַ פָּסוּק וָואס אִיז מְרַמֵז אַז דֶער אֲרִ״י וֶועט לֵיידֶער נִפְטָר וֶוערְן, דֶער גְזַר-דִין אִיז שׁוֹין אָפְּגֶעזִיגְלְט, אוּן דָאס אִיז גֶעקוּמֶען נָאר וֶועגְן דִי קְרִיגֶעַרַיי וָואס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן צְווִישְׁן דִי חֲבֵרִים, **ווייל ווִיילַאנְג עֶס אִיז גֶעוֶועְן צְווִישְׁן זֵיי שָׁלוֹם הָאט דֶער מְקַטְרֵג נִישְׁט גֶעהַאט קַיין צוּטְרִיט צוּ זֵיי!**

אוּן לֵיידֶער הָאט דָאס מְקָרֵב גֶעוֶועְן דֶעם אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ׳ס הִסְתַּלְקוּת. ווער זֶענֶען גֶעוֶועְן דִי חַבְרַיָא פוּן דֶעם אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ? גֶעווַאלְדִיגֶע, שְׂרָפִים וְאוֹפַנִּים מַמָּשׁ, דִי חַבְרַיָא פוּן דֶעם אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ!

דֶער אוֹר הַצַדִיק אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס קֶען זִיךְ נִישְׁט בְּשׁוּם אוֹפֶן הַאלְטְן בַּיי אֵיין מֶענְטְשְׁן – וִוי גְרוֹיס דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נָאר זַיין – סַיידְן מִיט נָאךְ מֶענְטְשְׁן קֶען אִיךְ הַאלְטְן דֶעם אוֹר הַצַדִיק, אָבֶּער מִיט מַחֲלוֹקֶת קֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן.

(באארבעט פון א שמועס פון ר׳ לוי יצחק בענדער ז״ל, צוגעלייגט פון שבחי הארי״י)

# איין אשה'לע



*דער באַשעפער באַוואַרנט*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

## מְקַרֵב זַיין

אַ גוּטְן טַייעֶרע קִינְדֶער, בָּרוּךְ הַשֵּׁם דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוערְט שׁוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז זִיכֶער מִתְפַּלֵּל אַז יֶעדֶער זָאל אָנְקוּמֶען גְרִינְג אָן קַיין שׁוּם מְנִיעוֹת, אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין ווִיאַזוֹי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הֵיילִיגֶע תִּקּוּנִים פוּן רֶבִּי'נְס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִיךְ ווִיל דֶערְצֵיילְן אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר, כְּדֵי צוּ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין יֶעדֶעם אֵיינֶעם צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין, נִישְׁט אַלֶעמָאל קֶענֶען קִינְדֶער פָארְן, עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל וָואס קִינְדֶער בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב, אָבֶּער מֶען קֶען זִיךְ אַרוֹיסְלֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַ שְׁטַארְקֶע חִזּוּק אוֹיף דִי מַעֲלָה פוּן תְּפִלָּה נִישְׁט נָאר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה נָאר יֶעדֶע זַאךְ וָואס אַ קִינְד קֶען פוֹעֶלְ'ן מִיט תְּפִלָּה.

אִיךְ פְּלֶעג פָארְן יֶעדֶעס יָאר צוּם רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן. וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין כִּתָּה ו', אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע תְּקוּפָה פַאר מַיין טַאטֶע אוּן עֶר הָאט מִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאצָאלְן קַיין טִיקֶעט, מִיר ווָאוֹינֶען אִין אוֹיסְלַאנְד וָואס דִי הוֹצָאוֹת קַיין אוּמַאן זֶענֶען אַסַאךְ מֶער פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט מַיין טַאטֶע מִיר גֶעזָאגְט נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַז קוּמֶענְדִיגֶע יָאר וֶועסְטוּ נִישְׁט קֶענֶען פָארְן, מֶען וֶועט אוֹיסְשְׁטֶעלְן אַז אֵיין יָאר פָארְסְטוּ אוּן אֵיין יָאר פָארְט מַיין בְּרוּדֶער, קוּמֶענְדִיגֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועסְטוּ נִישְׁט פָארְן!

עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הֶערְן אַזַא בְּשׂוֹרָה. אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דִי הוֹיפְּט עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען מִתְפַּלֵּל זַיין דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל יָא קֶענֶען זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אַזוֹי ווִי יֶעדֶער בְּרֶסְלֶעבֶ'ער חָסִיד ווֵייסְט דִי מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲלָה פוּן הֵיילִיגְן קִבּוּץ, בִּפְרַט אַ בְּרֶסְלֶעבֶ'ער וָואס אִיז שׁוֹין אֵיינְמָאל גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אוּן עֶר ווֵייסְט וָואס ס'מֵיינְט זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן דִי נָאכְטְשַׁאפְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער וָואס מֶען הָאט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן יֶעדְן טָאג צוּ מַאכְן תְּפִלּוֹת, אוּן גְלַייךְ וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶעלְפְן, הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ עֶפֶענֶען אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע נֵס.

פוּנְקְט יֶענֶעם יָאר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין אוּנְזֶער כִּתָּה עֶפֶּעס אַ אִינְגְל וָואס אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל שְׁוַואךְ סַיי אִין לֶערְנֶען סַיי אִין אַנְדֶערֶע זַאכְן, נִישְׁט אַלֶע חֲבֵרִים הָאבְּן אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ גֶעהַאט צוּ רֶעדְן מִיט אִים אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר ווֵייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז יֶעדֶער אִיד אִיז זֵייעֶר טַייעֶר, בִּין אִיךְ יָא צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אוּן אִים מְקָרֵב זַיין, אִים מַאכְן גוּט פִילְן אִין כִּתָּה. אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מִיט אִים אַפָּאר

מָאל, אַזוֹי צוּבִּיסְלִיך הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הָאבְּן מֶער אוּן מֶער קֶשֶׁר אוּן אָפְטֶער גֶעלֶערְנְט מִיט אִים.

אֵיין טָאג קוּמְט דֶער אִינְגְל צוּ מִיר אוּן דֶערְצֵיילְט מִיר אַז זַיין טַאטֶע הָאט אַ שְׁטִיקְל שַׁייכוּת מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זַיין טַאטֶע פָּארְט קַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אָבֶּער עֶר רוּפְט זִיךְ נִישְׁט מַמָּשׁ קֵיין בְּרֶסְלֶבֶ'ער. דֶעמָאלְט וֶוען אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעהֶערְט פוּן אִים הָאבּ אִיךְ אִים דֶערְצֵיילְט בְּדֶרֶךְ אַגַּב אַז אִיךְ פָּאר אוֹיךְ אִין אוּמַאן, נָאר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר זֶעט נִישְׁט אוֹיס אַז אִיךְ וֶועל קֶענֶען פָּארְן, וַוייל מַיין טַאטֶע הָאט נִישְׁט קֵיין גֶעלְט צוּבַּאצָאלְן, אָבֶּער אִיךְ וִויל נָאךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק יָא פָּארְן אוּן אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל אוֹיף דֶעם, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אִים דֶערְצֵיילְט.




עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַפָּאר וָואכְן, דֶער אִינְגְל קוּמְט צוּ מִיר אוּן זָאגְט מִיר אַז זַיין טַאטֶע זָאגְט אַז אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין אִים מְקָרֵב וִויל עֶר אַז אִיךְ זָאל אִים טַאקֶע אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, לֶערְנֶען מִיט אִים אוּן בְּעֶזְר הַשֵּׁם סוֹף יָאר וִויל עֶר מִיר בַּאצָאלְן דִי טִיקֶעט קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן! עֶס אִיז גֶעוֶוען פַאר מִיר אַן אֶמֶתֶ'ע הֶאָרָה פוּן הִימְל, אַ לִיכְטִיגְקַייט צוּ זֶען וִוי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס אִידִישׁ קִינְד.

אִיךְ גֶעדֶענְק אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ הָאבּ קְלָאר גֶעזֶען אַז תְּפִלָּה פּוֹעֵלְ'ט! אַ קִינְד אִיז מִתְפַּלֵּל אוֹיף אַ זַאךְ אוּן אוֹיף אַזַא גְרוֹיסֶע זַאךְ וָואס הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט אִין מַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע אוֹיגְן צוּ בַּאצָאלְן אַ טִיקֶעט קַיין אוּמַאן, וִויאַזוֹי קֶען אִיךְ דֶען שַׁאפְן אַזַא סְכוּם?! אָבֶּער דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז אוֹיבּ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וִויל אִיז אַלֶעס מֶעגְלִיךְ, מֶען דַארְף פָּשׁוּט מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן ס'קֶען גֶעשֶׁען מוֹרָא'דִיגֶע נִסִּים.

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ וַוייטֶער גֶעלֶערְנְט מִיט דֶעם אִינְגְל אוּן אִים מְקָרֵב גֶעוֶוען. סוֹף יָאר הָאט זַיין טַאטֶע מִיר בַּאצָאלְט דֶעם גַאנְצְן טִיקֶעט צוּ פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דִי אִינְטֶערֶעסַאנְטְסְטֶע חֵלֶק פוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַז גְלַייךְ נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער אִינְגְל אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן חֵדֶר. פוּן דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שָׁלִיחַ מִיר צוּ הֶעלְפְן אַז אִיךְ זָאל יָא זוֹכֶה זַיין צוּ פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

קִינְדֶער, לָאמִיר זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיינֶע עִנְיָנִים בִּפְרָט דִי גְרוֹיסֶע נְקוּדָה פוּן פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ! הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלָה עַל הַכֹּל! חִזְקוּ וְאִמְצוּ אִין אַלֶע עִנְיָנִים וּבִפְרָט אִין דֶער זַאךְ פוּן תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, יֶעדְן טָאג זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה.

# דאס געשריי אין רוסישן טורמע #3



*המשך: ווִידֶער אִיז ר' מֹשֶׁה יְרוּסְלַבְסְקִי אִין רוּסִישְׁן תְּפִיסָה פַארְן הארבְּן זִינְד צוּ גֶעבְּן עֶסְן פַאר אָרִימֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער לְכָבוֹד דֶעם גְרוֹיסְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.*

אוֹיךְ דָאס מָאל הָאט זִיךְ ר' מֹשֶׁה גֶענוּמֶען צוּ דִי אַלְטֶע גוּטֶע עֵצָה פוּן בֶּעטְן אוּן שְׁרַייעֶן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן אוֹיךְ דִי אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּענֶע חֲסִידִים וָואס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן אִין אוּמַאן הָאבְּן אַיינְגֶערִיסְן הִימְלֶען פַאר אִים. דִי יְשׁוּעָה הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיפְשַׁיינֶען, וֶוען אַ שְׁוֶועסְטֶער זַיינֶע וָואס אִיז נֶעבֶּען פַארְקְרָאכְן פוּן אִידִישְׁן וֶועג, אוּן אִיז אַרוֹיפְגֶעשְׁטִיגְן אִין הוֹיכֶע שְׁטֶעלֶעס בִּיז דִי קָאמוּנִיסְטְן הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַ רֶעקָאמֶענְדַאצִיֶע פַארְן בֵּית מִשְׁפָּט אַז עֶר אִיז אַ גְלַייכֶער אוּן גוּטֶער אַרְבֶּעטֶער (אַ אַרְבֶּעטֶער דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה אִין רוּסְלַאנְד! לוֹיט דֶער קָאמוּנִיסְטִישֶׁער קְרוּמֶער קָאפּ, וֶוער ס'אַרְבֶּעט דַארְף מֶען אִים הָאבְּן... וֶוער נִישְׁט לֶעבְּט אוּן עֶסְט אוֹיף יֶענֶעמְ'ס חֶשְׁבּוֹן, זָאל עֶר גֵיין גֶעזוּנְטֶערְהֵייט... ) אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַן אָפִיצִיר אִין זַיין כַאטְקֶע אוּן אִים גֶענוּמֶען צוּ אַן אוֹיסְפָארְשׁוּנְג, מֶען הָאט אִים אוֹיסְגֶעפָארְשְׁט פוּן וואו הָאט עֶר גֶעלְט צוּ טֵיילְן עֶסְן? אוּן פַארְוָואס טֵיילְט עֶר עֶסְן יֶעדֶעס יָאר אִין דֶער זֶעלְבֶּער צַייט. ר' מֹשֶׁה הָאט זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ תְּמִימוּת, אַז עֶר אַרְבֶּעט שְׁוֶוער, עֶר פִירְט אַ גַאנְצְן טָאג מֶענְטְשְׁן מִיט זַיין פֶערְד אוּן וָואגְן פוּן דֶעם פַארְדִינְט עֶר זַיין גֶעלְט. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס עֶר הָאט בַּייגֶעלֶעבְּט פַאר יָארְן צוּרִיק וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהְן דֶער טוֹיט פַאר דִי אוֹיגְן אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶע'טַעֲנֶה'ט אַז מַאכְט עֶר יֶעדֶעס יָאר אַ סְעוּדַת הוֹדָאָה... צוּ דַאנְקֶען אוֹיף דֶעם וָואס זַיין לֶעבְּן אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן! מֶען הָאט אִים צוּרִיקְגֶעפִירְט אִין זַיין בּוּדְקֶע אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיט סְפֵיקוֹת וָואס הָאט אִים גֶעשְׁנִיטְן בִּיזְן הַארְץ צוּ הָאט עֶר רִיכְטִיג גֶעעֶנְטְפֶערְט אָדֶער הָאט עֶר זִיךְ אַלֵיין מוֹדֶה גֶעוֶוען אִין זַיין בַּאשׁוּלְדִיגוּנְג.

מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן אִין דִי אוֹיעֶרְן פוּן דִי פַארְשֶׁערְס אוּן מֶען הָאט אִים בַּאפְרַייט, נִישְׁט פַארְן שְׁטְרֶענְג אָנְזָאגְן אַז דָאס אִיז דָאס לֶעצְטֶע מָאל וָואס עֶר מַאכְט אַזַא סְעוּדָה...

שַׁבָּת שׁוּבָה אִינְדֶערְפְרִי הָאט מֶען אִים אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אוּן גֶעבְּרֶענְגְט צוּם גְרוֹיסְן אָפִיצִיר פוּן תְּפִיסָה וָואס הָאט אִים טְרוּקְן גֶעמָאלְדְן: "דוּ בִּיסְט בַּאפְרַייט!" דִי שִׂמְחָה פוּן דִי חֲסִידִים זֶעעֶנְדִיג ר' מֹשֶׁה צוּרִיקְקוּמֶען אִין קְלוֹיז פְרַיי הָאט

גֶעשְׁטִיגְן בִּיזְן הִימְל... בַּיי שָׁלֹש סְעוּדוֹת הָאט מֶען גֶעטַאנְצְט רִקוּדִים אוּן זִיךְ גֶעפְרֵייט מִיט ר' מֹשֶׁה דַאנְקֶענְדִיג דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פַאר דֶער אָפֶענֶער נֵס, אִין דֶעם גֶעלֶעגְנְהַייט הָאט ר' מֹשֶׁה גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים זָאלְט אִיר וִויסְן אַז דָאס יָאר גֵיי אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!

דִי חֲבֵרִים זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן עֶרְשְׁטוֹינְט פוּן וואוּ אִיז עֶר אַזוֹי בַּאשְׁלָאסְן בַּיי זִיךְ? רוּסְלַאנְד אִיז דַאן גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע רִיזִיגֶע תְּפִיסָה מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְפָארְן פוּן אִיר קַיין עֶרְגֶעץ נִישְׁט, נָאר פַארְן בֶּעטְן רְשׁוּת אַרוֹיסְצוּפָארְן צוּ אַן אַנְדֶערְן לַאנְד הָאט מֶען גֶעקֶענְט פַארְשִׁיקְט וֶוערְן אִין סִיבִּיר... דֶערִיבֶּער אִיז אַרוֹיסְפָארְן פוּן רוּסְלַאנְד קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גֶעוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער חָלוֹם פוּן יֶעדֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד אִין יֶענֶער צַייט. אָבֶּער ר' מֹשֶׁה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר רוּאִיג אוּן קְלָאר, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים: "אִיךְ בִּין זִיכֶער אִין וָואס אִיךְ זָאג, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן אוֹיף דֶעם בַּיים רֶבִּי'ן'ס צִיּוּן דָאס יָאר עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס אִיךְ בֶּעט בַּיים רֶבִּי'נְס צִיּוּן וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען!"



בִּיז דָאס יֶעצְטִיגֶע יָאר הָאט ר' מֹשֶׁה נִישְׁט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַרוֹיפְצוּגֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וַוייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט אָנְהַאלְטְן זַיין צוּזָאג פוּן אָנְגְרֵייטְן סְעוּדוֹת פַארְן עוֹלָם אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, אָבֶּער יֶענֶעם יָאר אִיז שׁוֹין לַיידֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ קְלֵיינֶער אוּן בַּאהַאלְטֶענֶער קִבּוּץ אוּן דֶער קְלוֹיז אִיז גֶעוֶוען פַארְמַאכְט אוּן פַארְשְׁלָאסְן, אַזוֹי אַז עֶס אִיז שׁוֹין לַיידֶער נִישְׁט גֶעוֶוען פַארְוֶועם צוּצוּשְׁטֶעלְן סְעוּדוֹת, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן בַּיים צִיּוּן: "רֶבִּי אִיךְ וִויל אַרוֹיפְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!"

אוּן וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן הָאט טַאקֶע ווירְקְלִיךְ פַּאסִירְט! בַּאלְד נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט ר' מֹשֶׁה אָנְגֶעגֶעבְּן אַ בַּקָּשָׁה בַּיי דֶער רֶעגִירוּנְג פַאר אִים מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, צוּ קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן רוּסְלַאנְד קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן דֶער אוּמְגְלוֹיבְּלִיכֶער נֵס אִיז גֶעשֶׁען מֶען הָאט גְלַייךְ צוּגֶעשְׁטִימְט, נִישְׁט נָאר מֶען הָאט אִים גֶעלָאזְט גֵיין נָאר מֶען אִים "פַארְשִׁיקְט" פוּן רוּסְלַאנְד!!! דָאס מֵיינְט אַז בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט דַארְף עֶר שְׁנֶעל אָפְּלָאזְן דָאס לַאנְד!

דִי יְשׁוּעָה אִיז גֶעוֶוען צוּם סוֹף אוֹיךְ דֶער גְרוֹיסֶער נֵס הַצָּלָה פוּן ר' מֹשֶׁה

מִיט זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה ווַייל אַפָּאר חֳדָשִׁים שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען לַיידֶער גֶעכַאפְּט אַסַאךְ טַייעֶרֶע חֲסִידִים וָואס זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן, אַ חֵלֶק הָאבְּן די רוּסְן יִמַּח-שְׁמוֹ אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אוֹיף קִדּוּשׁ הַשֵּׁם און די אַנְדֶערֶע הָאבְּן זֵיי פַּארְשִׁיקְט קַיין סִיבִּיר, אַזוֹי אַז ר' מֹשֶׁה אִיז צוּם עֶרְשְׁט נִצּוֹל גֶעוָוארְן פוּן דֶעם, אַ קוּרְצֶע צַייט שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען די דַייטְשְׁן יִמַּח שְׁמוֹ אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין אוּקְרַיינֶע און אוֹיסְגֶעמָארְדֶעט אִין אַפָּאר חֳדָשִׁים אַלֶע אִידְן פוּן אוּמַאן, בַּארְדִיטְשׁוֹב טֶעפְּלִיק, נֶעמִירוֹב און נָאךְ שְׁטֶעטְלֶעךְ אַרוּם וָואס זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען בַּאוואוֹינְט מִיט אִידְן, פוּן די אַלֶע צָרוֹת אִיז ר' מֹשֶׁה מִיט זַיין פַאמִילְיֶע נִצּוֹל גֶעוָוארְן מִיטְן אַרוֹיפְגֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.



חֹדֶשׁ כִּסְלֵיו זֶענֶען זֵיי אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן שִׁיף אִין אָדֶעסֶע און כ' כִּסְלֵיו תרח"צ (די שְׁוֶוערְסְטֶע יָארְן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, די יָאר הָאט אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט די צְוֵוייטֶע וֶועלְטְס קְרִיג) זֶענֶען זֵיי אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען אִין פָּארְט פוּן די הֵיילִיגֶע לַאנְד. זַיין אַרוֹיפְקוּמֶען אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער וואוּנְדֶער בַּיי אַלֶע, ווִי הָאט זִיךְ אַ גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אַרוֹיסְגֶעשְׁמוּגְלְט פוּן רוּסְלַאנְד אִין אַזֶעלְכֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן? ר' מֹשֶׁה הָאט אָבֶּער אַלֶעס אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין כֹּחַ פוּן צַדִּיק, וָואס הָאט גֶעזָאגְט: "בַּיי מִיר הָאט קֵיינֶער נִישְׁט דֶערְלֵייגְט!"

ר' מֹשֶׁה הָאט זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין יְרוּשָׁלַיִם צְווִישְׁן די בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען גַאנְץ ווֵיינִיג אִין יֶענֶע צַייט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערגְלִיקְלִיךְ זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן אִין די גֶעסַאלַאךְ פוּן די הֵיילִיגֶע שְׁטָאט וואוּ מֶען קֶען מְקַיֵּים זַיין תּוֹרָה און מִצְווֹת אָפֶענֶערְהֵייט. אֵיין זַאךְ הָאט אִים שְׁטַארְק גֶעבַּאדֶערְט די גַאנְצֶע צַייט, וָואס וֶועט זַיין מִיט זַיין הַבְטָחָה? עֶר הָאט דָאךְ עֶפֶּעס צוּגֶעזָאגְט, אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פַּאר וֶועמֶען צוּצוּגְרֵייטְן סְעוּדוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה ווַייל דֶער קִבּוּץ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי קְלֵיין, און וֶוער עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פוּנְדֶערְוַוייט אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַיינְגֶעאָרְדְנְט מִיט אַן אַכְסַנְיָה, ר' מֹשֶׁה אִיז גֶעוֶוען פַארְצְווֵייפְלְט זָאל עֶר אוֹיפְגֶעבְּן זַיין צוּזָאג?

*הֶמְשֵׁךְ קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ בעז"ה*

**סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת**
**הַקְדָּמָה לְסִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת (2)**

**פוּן גְאוֹן־עוּזֵינוּ מוֹרֵינוּ**

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א**

**דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד**

**פוּן רַבֵּינוּ־הַקָּדוֹשׁ זיע"א**

קֹדֶם שֶׁסִּפֵּר מַעֲשֶׂה רִאשׁוֹנָה שֶׁבְּסֵפֶר זֶה עָנָה וְאָמַר בְּסִפּוּרֵי הַמַּעֲשִׂיּוֹת שֶׁהָעוֹלָם מְסַפְּרִים יֵשׁ בָּהֶם נִסְתָּרוֹת הַרְבֵּה וּדְבָרִים גְּבוֹהִים מְאֹד

אַךְ שֶׁנִּתְקַלְקְלוּ הַמַּעֲשִׂיּוֹת כִּי חָסֵר מֵהֶם הַרְבֵּה וְגַם נִתְבַּלְבְּלוּ, וְאֵינָם מְסַפְּרִים אוֹתָם כְּסֵדֶר כִּי מַה שֶּׁשַּׁיָּךְ בַּתְּחִלָּה מְסַפְּרִים בַּסּוֹף וְכֵן לְהֵפֶךְ וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה

אֲבָל בֶּאֱמֶת יֵשׁ בְּהַמַּעֲשִׂיּוֹת שֶׁמְּסַפְּרִים הָעוֹלָם דְּבָרִים נֶעְלָמִים גְּבוֹהִים מְאֹד וְהַבַּעַל- שֵׁם-טוֹב זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, הָיָה יָכוֹל עַל יְדֵי סִפּוּר מַעֲשֶׂה לְיַחֵד יִחוּדִים כְּשֶׁהָיָה רוֹאֶה שֶׁנִּתְקַלְקְלוּ צִנּוֹרוֹת עֶלְיוֹנִים וְלֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר לְתַקֵּן אוֹתָם עַל-יְדֵי תְּפִלָּה הָיָה מְתַקְּנָם וּמְיַחֲדָם עַל יְדֵי סִפּוּר מַעֲשֶׂה.

וְעוֹד דִּבֵּר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, בְּעִנְיָן זֶה וְאַחַר-כָּךְ הִתְחִיל לְסַפֵּר מַעֲשֶׂה שֶׁבַּדַּף הַסָּמוּךְ וְאָמַר בַּדֶּרֶךְ סִפַּרְתִּי מַעֲשֶׂה וְכוּ'

וְדַע שֶׁהַמַּעֲשִׂיּוֹת שֶׁסִּפֵּר רַבֵּנוּ רֻבָּם כְּכֻלָּם הֵם מַעֲשִׂיּוֹת חֲדָשׁוֹת לְגַמְרֵי שֶׁלֹּא נִשְׁמְעוּ מֵעוֹלָם רַק הוּא בְּעַצְמוֹ סִפְּרָם מִלִּבּוֹ וְדַעְתּוֹ הַקְּדוֹשָׁה כְּפִי הַהַשָּׂגָה הָעֶלְיוֹנָה שֶׁהִשִּׂיג בְּרוּחַ קָדְשׁוֹ

שֶׁהָיָה מַלְבִּישׁ אוֹתָהּ הַהַשָּׂגָה בְּאוֹתָהּ הַמַּעֲשֶׂה וְהַמַּעֲשֶׂה בְּעַצְמָהּ הִיא מַרְאֶה נוֹרָאָה וְהַשָּׂגָה עֶלְיוֹנָה מְאֹד שֶׁהִשִּׂיג וְרָאָה בְּמָקוֹם שֶׁרָאָה

וְגַם לִפְעָמִים הָיָה מְסַפֵּר מַעֲשֶׂה מֵהַמַּעֲשִׂיּוֹת שֶׁמְּסַפְּרִין הָעוֹלָם אֲבָל הוֹסִיף בָּהֶם הַרְבֵּה, וְהֶחֱלִיף וְתִקֵּן הַסֵּדֶר עַד שֶׁנִּשְׁתַּנָּה סִפּוּר הַמַּעֲשֶׂה לְגַמְרֵי מִמַּה שֶׁהָעוֹלָם מְסַפְּרִין וְכַנַּ"ל:

אֲבָל לֹא נִכְתְּבוּ בְּזֶה הַסֵּפֶר מֵאֵלּוּ הַמַּעֲשִׂיּוֹת כִּי אִם אַחַת אוֹ שְׁתַּיִם וּשְׁאָר כָּל הַמַּעֲשִׂיּוֹת הֵם חֲדָשׁוֹת לְגַמְרֵי שֶׁלֹּא נִשְׁמְעוּ מֵעוֹלָם

בְּאוֹתוֹ הַזְּמַן שֶׁהִתְחִיל רַבֵּנוּ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, לַעֲסֹק בְּסִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

אָמַר בְּפֵרוּשׁ בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: הִנְנִי אַתְחִיל לְסַפֵּר מַעֲשִׂיּוֹת, (אִיךְ וֶועל שׁוֹין אָן הֵייבְּן מַעֲשִׂיּוֹת דֶער צֵילִין), וְכַוָּנוֹת דְּבָרָיו הָיָה, כְּמוֹ שֶׁאוֹמֵר מֵאַחַר שֶׁאֵינוֹ מוֹעִיל לָכֶם לָשׁוּב אֶל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי הַתּוֹרוֹת וְהַשִּׂיחוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה מַה שֶּׁעָסַק בִּיגִיעוֹת גְּדוֹלוֹת כָּל יָמָיו לַהֲשִׁיבֵנוּ אֶל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ וּמֵאַחַר שֶׁאֵינוֹ מוֹעִיל כָּל אֵלֶּה עַל כֵּן הוּא מַתְחִיל לַעֲסֹק בְּסִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

וְאָז בְּאוֹתוֹ הַזְּמַן אָמַר הַתּוֹרָה הַמַּתְחֶלֶת פָּתַח רַבִּי שִׁמְעוֹן וְאָמַר עֵת לַעֲשׂוֹת לַה' הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ וְכוּ' דָּא אוֹרַיְתָא דְעַתִּיקָא וְכוּ' הַנִּדְפֶּסֶת בַּסֵּפֶר הָרִאשׁוֹן בְּדַף קנ"ז

וְשָׁם מְבֹאָר בְּסוֹף הַמַּאֲמָר קְצָת מֵעִנְיַן

סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת שֶׁעַל יְדֵי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת מְעוֹרְרִין מֵהַשֵּׁנָה אֶת בְּנֵי אָדָם שֶׁנָּפְלוּ בְּשֵׁנָה וִישֵׁנִים אֶת יְמֵיהֶם וְכוּ׳ עַיֵּן שָׁם,

וְיֵשׁ מַעֲשִׂיּוֹת שֶׁהֵם בְּקֶרֶב שָׁנִים, וְיֵשׁ סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת שֶׁל שָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת שֶׁהֵם בְּחִינַת עַתִּיק וְכוּ׳,

עַיֵּן שָׁם הֵיטֵב וְתָבִין וְתַשְׂכִּיל קְצַת מִן מוֹצָא דָּבָר עַד הֵיכָן הַדְּבָרִים שֶׁל אֵלּוּ הַמַּעֲשִׂיּוֹת מַגִּיעִים, וּמָה הָיְתָה כַּוָּנָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה בָּזֶה,

וּבֶאֱמֶת יֵשׁ בְּאֵלּוּ הַמַּעֲשִׂיּוֹת הִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרֹב הַמְּקוֹמוֹת אֲפִלּוּ עַל פִּי פָּשׁוּט

מִלְּבַד הַנִּסְתָּרוֹת כִּי כֻּלָּם הֵם סוֹדוֹת נוֹרָאוֹת וְיֵשׁ לָהֶם כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר הַכֹּל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ:

~ חַיֵּי מוהר״ן (אות כה) ~

דָאס בַּאלַאנְגְט צוּ דִי תּוֹרָה ״פָּתַח רַבִּי שִׁמְעוֹן (סִימָן ס׳). נָאךְ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם מַאֲמָר, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן בְּדֶרֶךְ צַחוּת: ״הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט דְּרַיי זַאכְן אַנְדֶערְשׁ ווִי דִי וֶועלְט זָאגְט״.

א) דִי וֶועלְט זָאגְט אַז סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אִיז מְסוּגָל צוּ שְׁלָאפְן, אוּן אִיךְ זָאג אַז דוּרְךְ סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת וֶועקְט מֶען אוֹיף מֶענְטְשְׁן פוּן זֵייעֶר שְׁלָאף.

ב) דִי וֶועלְט זָאגְט אַז פוּן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת קוּמְט מֶען נִישְׁט צוּ טְרָאגְן - צוּ גֶעבּוֹירְן קִינְדֶער (פוּן זָאגִין וֶוערְט מֶען נִישְׁט טְרָאגְן) אוּן אִיךְ זָאג אַז פוּן סִפּוּרֵי דְבָרִים פוּנֶעם צַדִּיק, וָואס עֶר דֶערְוֶועקְט דוּרְכְדֶעם דִי מֶענְטְשְׁן פוּן זֵייעֶר שְׁלָאף, דוּרְכְדֶעם קוּמְט מֶען צוּ צוּ פְּקִידַת-עֲקָרוֹת.

ג) דִי וֶועלְט זָאגְט אַז דֶער אֱמֶתְ׳ער צַדִּיק הַמֻּפְלָג בְּמַעֲלָה דַארְף נִישְׁט הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט, פַארְוָואס דַארְף עֶר גֶעלְט? אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז פַארְהַאן אַזַא סָארְט הִתְבּוֹנְנוּת וָואס מֶען בְּרוֹיךְ צוּ דֶעם הָאבְּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְטְס פַארְמֶעגְן, כָּל הוֹן דְּעָלְמָא.

## תפלה לראש השנה



עַל כֵּן רַחֵם עָלֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אוּנְז פַאר דַיין נָאמֶען וֶועגְן, שְׁטֵיי צוּ אוּנְזֶער הִילְף מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי אֱמֶתְ׳ע צַדִּיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּ זֵיי מִיט אַן אֱמֶת, אוּן זוֹכֶה זַיין בִּשְׁלֵמוּת צוּ רֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען אוּן מַחֲשָׁבוֹת.

מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מַמְתִּיק זַיין אוּן מְבַטֵּל זַיין אַלֶע דִינִים אוּן מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף אוּנְז גוּטֶע חֲסָדִים. זֵיי אוּנְז מְזַכֶּה דִיר צוּ אַנֶערְקֶענֶען אוּן צוּ ווִיסְן דַיין דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט אוּן דַיין גֶעוֶועלְטִיגוּנְג אוֹיף אוּנְז, דוּ זָאלְסְט קֶענִיגְן אוֹיף אוּנְז מִיט דַיין כָּבוֹד ווִי אַמְשְׁנֶעלְסְטְן וְיֵדַע כָּל פָּעוּל, כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ, אוּן יֶעדֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ זָאל ווִיסְן אַז דוּ הָאסְט אִים בַּאשַׁאפְן, אוּן יֶעדֶער וָואס הָאט אַ נְשָׁמָה אִין זִיךְ זָאל זָאגְן: ״דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דֶער גָאט פוּן דִי אִידְן אִיז דֶער קֶענִיג אוּן זַיין קֶענִיגְרֵייךְ טוּט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף אַלֶעמֶען.״

זֵיי אוּנְז מְטַהֵר אוּן הֵיילִיג אוּנְז מִיט דַיין הֵיילִיגֶע דֶערְהוֹיבֶּענֶע קְדוּשָׁה פוּן יֶעצְט בִּיז אוֹיף אַלֶעמָאל אָמֵן.

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## להתוודע ולהגלות - הקדמה (2)

**א.** זענען די מעשיות נייע?

- ❑ אלע זענען אינגאנצן ניי
- ❑ אלע זענען מעשיות וואס די וועלט דערציילט נאר דער רבי האט עס פארראכטן
- ❑ רוב זענען אינגאנצן ניי, נאר איינע אדער צוויי זענען וואס די וועלט דערציילט נאר דער רבי האט עס פארראכטן

**ב.** וואס האט דער רבי געזאגט ווען ער האט אנגעהויבן דערציילן די מעשיות?

- ❑ איך וועל שוין אנהויבן מעשיות צו דערציילן
- ❑ איך וועל דערציילן א מעשה
- ❑ איך וועל דערציילן די מעשיות

**ג.** וואס איז דא אין די מעשיות אפילו על פי פשוט?

- ❑ אביסל התעוררות צו עבודת השי"ת
- ❑ א גרויסע התעוררות צו עבודת השי"ת
- ❑ זייער זייער א גרויסע התעוררות צו עבודת השי"ת

**ד.** וועלכע תורה אין ליקוטי מוהר"ן זאגט דער רבי אז דער צדיק איז עוסק צו אויפוועקען די וועלט פון טיפן שלאף דורך סיפורי מעשיות?

- ❑ ס"ב
- ❑ ס'
- ❑ ס' תנינא

**ה.** שאלת זכות: אויף וועלכע ספרים האט רבי נתן געזאגט אז דער זאגן אליין, איז מסוגל פאר די נשמה אזויווי צו זאגן די זוהר הק' און די תיקונים? (עין בכוכבי אור, אנשי מוהר"ן ערך מוהרנ"ת אות כ"ז)

- ❑ ליקוטי מוהר"ן, ספר המידות
- ❑ סיפורי מעשיות, שיחות הר"ן
- ❑ ליקוטי מוהר"ן, ספר המידות, סיפורי מעשיות, און זיינע שיחות

**ו.** שאלת זכות: אין וועלכע טעג זאגט אונז רבי נתן אז ס'איז א מצוה צו זאגן די אלע ספרים פון אנהייב ביז'ן סוף און ס'העלפט זייער זייער? (עין בכוכבי אור, אנשי מוהר"ן אות כ"ז)

- ❑ אין די טעג פון ספירה
- ❑ אין טעג פון בין המצרים
- ❑ אין די הייליגע טעג פון אלול

**ז.** אין די הקדמה אויף סיפורי מעשיות איז פאראן א שורה וואס דערמאנט איינע פון די בילדער אין היינטיגן גליון, וועלכע ווערטער איז דאס און וועלכע בילד?

**ח.** וויפיל מאל ווערט דערמאנט אין היינטיגן גליון דאסווארט "ארץ ישראל" ? ____________.

### דער געווינער אויף הקדמה סיפורי מעשיות #1
### איז הילד החשוב נתן דוד בלומשטוק, ירושלים

די מתנה ליגט ביים משגיח אין ת"ת ברסלב בית שמש / ירושלים

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040



# טייערע ברסלב'ער אינגל,

קלינג יעצט אריין אין טעלעפאן ליין און זיי זיך משתתף
אין דעם קאמפיין פאר'ן הייליגן רבינ'ס ראש השנה
אויף יעדעס מאל וואס דו זאגסט א תיקון הכללי גייסטו
אריין אין ווערדפולע גורלות.

## 02.5.3333.72

**אויף קנעפל 8-8**

**אדער אין 'לנצח המלחמה' 02.67.343.18**

**אין אמעריקא און קאנאדא רופט**

**646-585-3040**

כי התפלה זה עקר הכלי זין לנצח המלחמה

לנצח המלחמה

ר"ה
תשפ"ד





# דעם רבינ'ס

# משלים

*הֶמְשֵׁךְ "דֶער שְׁטֶערְן-זֶעעֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז מַיין מַזָל וֶועט זַיין אִיךְ זָאל זַיין אַ גַנָב".*

עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען שַׁבָּת, מִן הַסְתָם הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט דֶעם גַאנְצְן שַׁבָּת צוּגֶעשְׁטֶעלְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וִוי חַלָה פוּן וֵוייץ-בְּרוֹיט (לחם דגן) אוּן נָאךְ זַאכְן וִוי דֶער סֵדֶר. וַוארְשֵׁיינְלִיךְ הָאט עֶר גֶעהַאט פִּיר פִּינְף טֶעכְטֶער אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעכַאפְּט אֵיינֶע פוּן דֶער צְוֵוייטֶע אַ שְׁטִיק בְּרוֹיט, וַוייל דָאס בִּיסְל אִיז אִים נִישְׁט גֶענוּג גֶעוֶוען.

דִי וַוייבּ זַיינֶע הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, סְ'אִיז מִיר שׁוֹין נִמְאָס דָאס אָרִימְקַייט, עֶס הַאלְט בַּיי דֶעם אַז אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט זַיין אַ גַנָב אוּן מֶער נִישְׁט לַיידְן אַזַא שְׁוֶוערֶע דְרִיק."

דֶער מַאן הָאט גֶעמוּזְט אוֹיסְפָאלְגְן אִיר וִוילְן, 'יָא גֶעוָואלְט אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אוּן פָארְט גֶעגַאנְגֶען'. (דֶעם לָשׁוֹן חַזֶר'ט דֶער רֶבִּי יֶעדֶעס מָאל) אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען גַנְבֶ'נֶען. עֶר הָאט זִיךְ מְיַשֵׁב גֶעוֶוען צוּ בַּאגַנְבְ'נֶען דֶעם גְרוֹיסְן נָגִיד פוּן שְׁטָאט.

עֶר גֵייט לְמַעֲשֶׂה גַנְבֶ'נֶען אוּן טְרֶעפְט וִוי דִי הִיטֶערְס לִיגְן אִין אַ טִיפְן שְׁלָאף אוּן פְרֶעגְן אִים גָארְנִישְׁט, אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם גֶעשֶׁעפְט

אוּן דֶער שְׁלָאס אִיז אָפְן... זַיין מַזָל הָאט אִים צוּגֶעשְׁפִּילְט, אַזוֹי גֵייט עֶר צוּ צוּם קֶעסְטְל אוּן טְרֶעפְט דֶעם שְׁלָאס אָפְן, הָאט עֶר גֶענוּמֶען פִּיר פִּינְף רֶענְדְלֶעךְ נָאר זִיךְ צוּ קֶענֶען שְׁפַּייזְן.

עֶר קוּמְט אַהֵיים צוּ זַיין וַוייבּ אוּן בְּרֶענְגְט דָאס גֶעלְט זָאגְנְדִיג: "זֶע, אִיךְ הָאבּ עֶרְפִּילְט דַיין וִוילְן, שְׁפֵּייז זִיךְ מִיט דֶעם וַוייל אִיךְ וֶועל מֶער נִישְׁט גַנְבְ'נֶען."

עֶנְטְפֶערְט זִי: "זִיכֶער, אִיךְ וִויל אוֹיךְ נִישְׁט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, מִיר הָאבְּן דָאס גֶעטוּן נָאר צוּלִיבּ דֶער עֶנְגְשַׁאפְט."

וִוידֶער אַמָאל הָאט זִיךְ דִי וַוייבּ צוּשְׁרִיגְן מִיט בַּאנוּמֶענֶע קוֹלוֹת: "דוּ קַבְּצָן אֵיינֶער, שְׁלִימַזָלְנִיק, דוּ בִּיסְט דָאךְ גֶעוֶוען אִין גֶעשֶׁעפְט, פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיר נִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט אַ יוּפָּא (שֵׁיינֶער מַאנְטְל)?

בְּלֵית בְּרֵירָה הָאט עֶר גֶעמוּזְט וִוידֶער גֵיין גַנְבְ'נֶען אִין גֶעשֶׁעפְט. עֶר קוּמְט אַהִין אוּן טְרֶעפְט דָארְט אַ גַנָב שְׁטֵייט, אוּן פְרֶעגְט אִים: "וֶוער בִּיסְטוּ?" עֶנְטְפֶערְט יֶענֶער: "אִיךְ בִּין אַ גַנָב".

פְרֶעגְט דֶער יֶענִיגֶער, אוּן וֶוער בִּיסְטוּ? "עֶנְטְפֶערְט עֶר אוֹיךְ: "אִיךְ בִּין אַ גַנָב". זָאגְט אִים דֶער אָרִימַאן: "לָאמִיר זַיין אַ שֻׁתָּף צוּזַאמֶען אִין דִי גְנֵיבוֹת, אִיךְ הָאבּ אַ גוּט מַזָל צוּ דֶעם, אוּן דֶער אִיז אַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶעם.

הֶמְשֵׁךְ קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ בעז"ה

(כּוֹכְבֵי אוֹר - סִפּוּרִים נִפְלָאִים)

